23 ווערן מיר זיך קליידן? וואָרום די גוים זוכן דאָס
אַלץ; יאָ, אייער הימלישער פֿאָטער ווייסט, אַז איר
33 באַנייטיקט זיך אין דעם אַלעם· זוכט אָבער צום
אַלעמערשטן זיין מלכות, און זיין גערעכטיקייט;
34 און דאָס אַלץ וועט אייך צוגעגעבן ווערן· זאָרגט
זשע נישט אויף מאָרגן; וואָרום דער מאָרגנדיקער
טאָג וועט זאָרגן פֿאַר זיך אַליין· דער טאָג האָט
גענוג זיין אייגן בייז·

## 7 קאַפּיטל זיבן

1 משפּט נישט, כּדי איר זאָלט נישט געמשפּט ווערן·
2 וואָרום מיט וואָס פֿאַר אַ משפּט איר אורטיילט,
וועט איר געמשפּט ווערן, און מיט וועלכער מאָס
3 איר מעסט, וועט אייך געמאָסטן ווערן· און וואָס
זעסטו דאָס שפּענדל אין דיין בּרודערס אויג,
אָבּער דעם קלאָץ, וואָס איז אין דיין אויג, בּאַמערק־
4 סטו נישט? אָדער וויאַזוי קענסטו זאָגן צו דיין
בּרודער: לאָז מיך אַרויסנעמען דאָס שפּענדל פֿון
דיין אויג; און זע, דער קלאָץ איז אין דיין אויג?
5 דו צבֿועק, וואַרף צום ערשט אַרויס דעם קלאָץ
פֿון דיין אויג; און דעמלט וועסטו זען קלאָר אַרויס־
צונעמען דאָס שפּענדל פֿון דיין בּרודערס אויג·
6 גיט נישט דאָס הייליקע צו די הינט, און וואַרפֿט
נישט אייערע פּערל פֿאַר די חזירים, טאָמער וועלן
זיי זיי צעטרעטן מיט זייערע פֿיס, און אומקערנדיק
זיך אייך צערייסן·
7 בּעט, און עס וועט אייך געגעבּן ווערן; זוכט, און
איר וועט געפֿינען; קלאַפּט אָן, און עס וועט אייך
8 אויפֿגעמאַכט ווערן! וואָרום יעדער, וואָס בּעט,
בּאַקומט; און דער, וואָס זוכט, געפֿינט; און דעם,